**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/19/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט די פארענדיגונג פון 48 מיליאן דאלאר, 40 יוניטס אפארדעבל האוזינג קאמפלעקס פאר עלטערע מענטשן אין ראטשעסטער**

***פיל-פאזע פראיעקט וועט ערזעצן די פארעלטערטע מיטשעל-לאמא (Mitchell-Lama) געביידעס, שאפן איבער 100 היימען נעבן קאבס היל (Cobbs Hill) פארק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די פארענדיגונג פון א נייע 48 מיליאן דאלער, 40-יוניט אפארדעבל האוזינג דעוועלאפמענט פאר עלטערע מענטשן אין ראטשעסטער. די געביידע איז די ערשטע פאזע פון א דריי-פאזע פראיעקט צו ערזעצן די פארעלטערטע קאבס היל ווילעדש, א Mitchell-Lama דעוועלאפמענט וואס איז אריגינעל געבויט געווארן אין 1957. אין די לעצטע פינף יאר, האט די ניו יארק סטעיט היימען און די קאמיוניטי באנייאונג (New York State Homes and Community Renewal) אנטוויקלט אדער אפגעהיטן איבער 6,800 אפארדעבל היימען לענגאויס מאנרא קאונטי, אריינגערעכנט איבער 3,700 אין ראטשעסטער. די נייע קאבס היל ווילעדש באמיט זיך ווייטער און שפיגלט אפ גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלערדיגע פינף-יאר האוזינג פלאן וועלכע איז אויפ'ן וועג צו שאפן אדער פרעזערווירן 100,000 אפארדעבל היימען לענגאויס די סטעיט.

"ניו יארק איז אנטשלאסן צו שאפן אפארדעבל האוזינג פאר עלטערע מענטשן אין קאמיוניטיס און געגנטער לענגאויס די סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די ערשטע פאזע פון קאבס היל ווילעדש העלפט ערזעצן א פארעלטערטע דעוועלאפמענט און ערלויבט די 40 עלטערע מענטשן אז זיי זאלן קענען וואוינען אויף א זעלבסשטענדיגע אופן און הנאה האבן פון אלע בענעפיטן וואס א מאדערנע הויז קען געבן."

די קומענדיגע צוויי פאזן פון די קאבס היל ווילעדש דעוועלאפמענט וועט ענטהאלטן די נייע בוי-ארבעט פון נאך א 40-יוניט געביידע צו ערזעצן 40 עקזיסטירנדע דירות, ווי אויך די נייע בוי-ארבעט פון 24 גארטן-סטיל טאונהיימען צו ערזעצן 20 עקזיסטירנדע יוניטס איבער די קומענדיגע צוויי יאר.

יעדע פון די נייע 104 היימען וועלן ווייטער זיין מיטשעל-לאמא יוניטס אפארדעבל פאר פארעלטערטע מענטשן וואס זענען 55 יאר אלט אדער עלטער און וועמען'ס אינקאמס זענען אדער זענען ווייניגער ווי 80 פראצענט פון די עריע מידיען אינקאם. די מיטשעל-לאמא פראגראם איז געשאפן געווארן פאר די אנטוויקלונג פון אפארדעבל האוזינג, סיי רענטאל און סיי א פאראייניגטע אייגנטום, פאר מיטעלע-אינקאם ניו יארקער. אלס טייל פון די אפמאך צווישן די סיטי און ראטשעסטער און די פראיעקט'ס דעוועלאפער Rochester Management, Inc., וועלן עקזיסטירנדע איינוואוינער צאלן די זעלבע צאל פון רענט וואס זיי האבן געצאלט איידער די פראיעקט האט זיך אנגעהויבן, ווילאנג זיי רענטן די דירות אין קאבס היל ווילעדש. עקזיסטירנדע איינוואוינער וועלן ווערן אריבערגעפירט צו די נייע דירות איידער די עקזיסטירנדע געביידעס ווערן צוואארפן.

איינוואוינער וועלן האבן אמעניטיס וואס וועלן זיי העלפן זיך עלטערן אינדערהיים, אריינגערעכנט באלקאנען אדער דעכער אין יעדע יוניט, עלעוועיטערס, פיטנעס צימערן, קאמפיוטער לאבעטאריעס, צוזאמקום ערטער און נאנטקייט צו קאבס היל פארק, שטיצנדיג קאמיוניטי פארבינדונגען און געזונטהייט. יעדע יוניט קען מען טויש גרינגערהייט אריינצונעמען סיי וועלכע טוישונגען אין מאביליטי ווי די איינוואוינער ווערט עלטער.

די געביידעס האבן הויכע-אפישאנסי הייצונג, נידריגע-פליס פלאמבינג, און ENERGY STAR® אפלייענסעס וועלכע וועלן צושטעלן קלימאט-פרידליכע, געזונטע, ענערגיע-אפישענט היימען פאר איינוואוינער. זיי זענען אויסגעשטעלט נאכצוקומען די ניו יארק סטעיט ענערגיע און פארשונג דעוואלאפמענט אויטאריטעט נייע בוי ארבעט - האוזינג פראגראם ( New York State Energy and Research Development Authority New Construction - Housing Program) סטאנדארטן.

די גאנצע קאבס היל ווילעדש פראיעקט ווערט געשטיצט דורך א 42 מיליאן דאלערדיגע הלוואה פון HCR'ס האוזינג פינאנץ אגענטור'ס מיטשעל-לאמא הלוואה פראגראם ( Housing Finance Agency's Mitchell-Lama Loan Program) און 101,000$ פון NYSERDA'ס נייע בוי-ארבעט - האוזינג פראגראם. עס וועט ווייטער בענעפיטן פון א פולקאמע ריעל עסטעיט שטייער אבעיטמענט אלס א סיניאר מטשעל-לאמא קאמפלעקס אונטער די אייגנטום פון Plymouth Gardens, און ארטיקל II האוזינג פירמע. די פראיעקט דעוועלאפער איז Rochester Management, וועלכע האט געגעבן א שטיצע הלוואה פון 3.8 מיליאן דאלער. די קאמיוניטי פרעזערוואציע קארפאראציע ( Community Preservation Corporation) האט אויך געגעבן א בוי-ארבעט הלוואה פון 3.9 מיליאן דאלער.

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**
גאווערנער האקול איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער צוגענגליך און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפסטעיט קאמיוניטיס, נייע אנרייץ מיטלען און אויסנאמען פון געוויסע סטעיט-ארויפגעלייגטע באגרעניצונגען צו בויען מער האוזינג אין ניו יארק סיטי, א 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג קאסע צו אויפבויען ביז 15,000 נייע היימער אויף שטחים אין די סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום, נאך 600 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן פארשידנארטיגע האוזינג דעוועלאפמענטס אריבער די סטעיט און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער. דערצו, אלס טייל פון די פיסקאלע יאר 2023 אקטיווע בודזשעט, האט די גאווערנער געמאלדן א פינף-יאר, 25 ביליאן דאלאר האוזינג פלאן, צו בויען און פרעזערווירן 100,000 צוגענגליכע היימען דורכאויס די סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכע באפעלקערונגען, פלוס דדי עלעקטריפיקאציע פון נאך 50,000 היימען. מער ווי 45,000 היימען זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט.

די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודשעט פארשטערקערט אויך די [פרא-האוזינג קאמיוניטי פראגראם](#) וועלכע די גאווערנער האט אנגעהויבן אין 2023. פרא-האוזינג סערטיפיקאציע איז יעצט א פארלאנג פאר לאקאליטיס צו האבן צוטריט צו ביז 650 מיליאן דאלאר אין וואלונטירישע פינאנצירונג. ביז יעצט, זענען איבער 160 קאמיוניטיס געווארן בארעכטיגט, און איבער 330 אריינגערעכנט די סיטי און ראטשעסטער.

**HCR קאמישאנער ראטאננע וויסנאוסקעס האט געזאגט,** "די קאבס היל ווילעדש פראיעקט פרעזערווירט א נויטיגע מיטשעל-לאמא דעוועלאפמענט און פארזיכערט אז יעצטיגע און צוקומפטיגע איינוואוינער זאלן האבן אן אפארדעבל, פארזיכערטע, און אנהאלטבארע פלאץ צו רופן היים און זיך עלטערן אינדערהיים. מיר זענען גליקליך צו ארבעטן ווייטער צוזאמען מיט אונזערע שותפים צו פארענדיגן

די לעצטע צוויי פאזן פון די דעוועלאפמענט וועלכע וועט ענדגילטיג ברענגען איבער 100 היימען צו די געגנט."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דארין מ. האריס האט געזאגט,** "קאבס היל ווילעדש אין ראטשעסטער שטעלט א ביישפיל וויאזוי וואוינען ווען מ'איז 55+ קען זיין אפארדעבל, ריין און באקוועם דורך געביידעס וואס ענטהאלטן ריינע ענערגיע און ענערגיע אפישענט צושטעלונגען. NYSERDA's שטיצע פון די פראיעקט שאפט וואוין-ערטער פאר איינוואוינער און ערלויבט זיי צו בענעפיטן פון מער קאנטראל איבער זייער ענערגיע באנוץ און אנהאלטבארע צושטעלונגען וואס פארבעסערן שטאנדהאפטיגקייט קעגן וועטער פאסירונגען און אונזער טוישנדע קלימאט."

**ראטשעסטער מעיאר מאליק ד. אייוואנס האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנער קעטי האקול, קאמישינאר רוטען וויזנאוסקעס פון ניו יארק היימען און קאמיוניטי באנייאונג, און די שטאב פון Plymouth Gardens און Rochester Management פאר'ן מאכן די אינוועסטמענט אין אונזער סיטי. מיר שאפן א פארזיכערטע, גלייכע און בליענדע קאמיוניטי פאר יעדן און עס איז געוואלדיג צו האבן אזעלכע שותפים ווי גאווערנער האקול."

**מאנאר קאונטי עקזעקיוטיוו אדאם בעלא האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון פאזע 1 פון די קאבס היל ווילעדש פראיעקט שטרייכט אונטער א באדייטנדע מיילשטיין אין אונזער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו געבן מער אפארדעבל, קוואליטעט האוזינג פאר עלטערע מענטשן. די נייע 40-יוניט געביידע אפערט א פארזיכערטע און געשמאקע פלאץ צו רופן היים און פארשטערקערט די לעבן פון אונזער קאמיוניטי דורכ'ן פארזיכערן אז אונזערע עלטערע קענען זיך פארעלטערן אינדערהיים מיט רעספעקט און פארזיכערונג. איך דאנק גאווערנער קעטי האקול, Rochester Management Inc., ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג, און אלע אונזערע שותפים, אריינגערעכנט די סטעיט מיטשעל-לאמא האוזינג געלטער, די Community Preservation Corp., און די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און דעוועלאפמענט אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority), פאר זייער אומשאצבארע שטיצע אין מאכן די וויזיע א מציאות. דאס איז נאר די אנהייב פון א לעכטיגערע צוקונפט פאר קאבס היל ווילעדש און די איינוואוינער וואס וועלן בליען דא."

**קאמיוניטי פרעזערוואציע קארפאראציע וויצע פרעזידענט מארטגעדש אפיציר מיריאם זינטער האט געזאגט,** "פאר אונזערע עלטערע ערוואקסענע קומט זיך צו עלטערן אינדערהיים מיט כבוד און רעספעקט, און איך בין גליקליך צו זען די איינוואוינער פון קאבס היל האבן די געלעגנהייט אריינצומופן אין זייערע הערליכע, אפארדעבל נייע היימען. די טראנספארמאציע וואס פאסירט דא וועט העלפן אנהאלטן די איבער-אויפלעבונג פון די קאמיוניטי און איבערגעבן א נייע ריסאורס פון אפארדעבל האוזינג וואס וועט סערווירן די קאבס היל קאמיוניטי פאר די קומענדיגע יארן. ס'איז געווען א נחת צו ארבעטן אונזער שותפים פון Rochester Management, NYS HCR, און NYSERDA, און איך קוק ארויס אויף די פארענדיגונג פון די לעצטע צוויי פאזן."

**איבער די מיטשעל-לאמא פראגראם**

די מיטשעל-לאמא פראגראם גיבט האוזינג לענגאויס ניו יארק סטעיט וואס איז אפארדעבל פאר די מיטעלע קלאס. עס איז געשאפן געווארן דורך די באגרעניצטע האוזינג אקט אין 1955, וועלכע איז אנגעפירט געווארן דורך מאנהאטן סטעיט סעניטאר מאקניעל מיטשעל און געוועזענע ברוקלין אסעמבלימאן אלפרעד לאמא. מיטשעל-לאמא דעוועלאפמענטס זענען אונטער פריוואטע אייגנטום און ווערן געפירט פריוואט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן